# עולת שבת בשבתו

כתה ט' מכינה לישיבה בת"ת תו"י דרב"י קרית יואל יצ"ו בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

בעזהשי"ת | פרשת חיי שרה | שנת תשע"א לפ"ק

## מילי דחסידא

**ומשמע ודומה ומשא:** יש לומר דקאי על מי שאינו מדבר לשון הרע על חברו, הגם ששמע שחברו דבר עליו.

וזה **ומשמע**, ואעפ"כ **ודומה ומשא**, היינו ששותק וסובל, אז **יטור נפיש** יהיה לו זכות יותר, כי אם אדם מדבר על חבירו לשון הרע נותנים הזכיות שלו לחבירו שדיבר עליו, כמבואר **בחובת הלבבות** זללה"ה (שער הכניעה ז) וגם **וקדמה**, מה שהיה לו מקודם אין חוטפין ממנו, לכן צריך האדם שלא לקבל לשון הרע. (אך פרי תבואה)

## דרש דרש

**ויקברו אותו יצחק וישמעאל בניו:**

דער **רבי ר' העשיל פון קראקא** זי"ע זאגט א וואונדערליכער טייטש: אין די ברייתא דרבי ישמעאל זאגן מיר יעדן טאג **רבי ישמעאל אומר בשלש עשרה מידות התורה נדרשת בהן וכו' בכלל ופרט וכו'**, לכאורה איז דא שווער דריי קשיות: א) די קשיא פון **תוס' ישנים** היתכן מ'האט גערופן א תנא מיטן נאמען ישמעאל, דאס איז דאך א נאמען פון א רשע. ב) פארוואס זאגט ער ר' **ישמעאל אומר**, ער וואלט געדארפט זאגן **אמר רבי ישמעאל**, וויל ר' **ישמעאל אומר** זאגט מען געוועגליך ווען עס איז דא א פלוגתא, און דא איז נישטא קיין שום מחלוקה. ג) די פערטע מידה איז **בכלל ופרט**, אז אויב קודם שטייט א כלל און נאכדעם א פרט לערן איך ארויס אז אין בכלל אלא מה שבפרט. אבער אויב זאג איך **אין מוקדם ומאוחר בתורה**, ווי קען איך מדייק זיין פון דעם וואס דער כלל שטייט פריער אז דאס קומט עפעס צו לערנען?

נאר די גמרא זאגט אין מס' בבא בתרא אז ישמעאל האט תשובה געטון וויל ביי אברהם אבינו'ס פטירה שטייט ויקברו אותו יצחק וישמעאל בניו, קודם שטייט יצחק און נאכדעם ישמעאל, און אז ער האט געגעבן כבוד פאר יצחק איז געדרינגען אז ער האט תשובה געטון.

דאס איז אבער נאר אמת אויב איך זאג אז אין איין פסוק זאג איך יש מוקדם ומאוחר, אבער אויך איך זאג אין מוקדם ומאוחר איז נישט קיין שום ראי' פון וואס יצחק שטייט פריער, אלא מאי אז איך זאג דעם דרש איז געדרינגען אז בחד ענין האלט יעדער אז יש מוקדם ומאוחר.

מיט דעם איז שוין פארענטפערט אלע קשיות, און לויט דעם דארף מען אזוי טייטשן **רבי ישמעאל** דאס וואס א תנא האט געהייסן מיטן נאמען **ישמעאל** מוז דאך זיין אז ישמעאל האט תשובה געטון ממילא קען מען רופן א תנא אויף זיין נאמען, פון וואו לערנט מען דאס ארויס פון דעם וואס עס שטייט קודם **יצחק** און נאכדעם **ישמעאל**, מוז איך זאגן **יש מוקדם ומאוחר בתורה**, ממילא ווען דעם **אומר**, דאס זאגט פון זיך אז די תורה איז **נדרשת בכלל ופרט**.

*

**ואמר אל אדוני אולי לא תלך האשה אחרי:**

זאגט רש"י אלי כתיב בת היה לו לאליעזר והיה מחזר להשיאו ליצחק, א"ל אברהם בני ברוך ואתה ארור ואין ארור מדבק בברוך. פרעגן אלע מפרשים לכאורה שטייט דאך שוין דער לשון 'אולי' אויבן בשעת ווען אליעזר האט דאס געפרעגט פון אברהם, פארוואס שטייט דער רמז פון 'אלי' נאר יעצט ווען אליעזר האט איבערדערציילט די מעשה.

ענטפערט דער **בנין אריאל** אז אליעזר האט געוואוסט אז זיין טאכטער וואס איז א שפחה קען

## מעשה רב

**ויקברו אותו יצחק וישמעאל בניו**

ווען דער **רבי ר' העשיל פון קראקא זי"ע** איז געווען א קינד, איז געקומען איינער פון די גדולי ישראל וואס האט אים געוואלט פארהערן און זעהן צי ער קען אים נעמען פאר א איידעם. זיי האבן זיך באגעגענט אין א אכסניא, און קיינער פון זיי האט נישט מיטגענומען קיין שום ספר, אויפן טיש איז געלעגן בלויז א סידור.

האט זיך דער רב אנגערופן "איך הער אז דער חתן איז א חריף, א חריף דארף קענען זאגן א חידוש סיי ווי אימער, דעריבער וועל איך אים אויספרובירן, איך וועל עפענען דעם סידור, און דער חתן זאל מיר זאגן א חידוש אויף יענעם ארט וואו עס וועט זיך אויפמישן.

דער רב האט געעפענט דעם סידור, און עס האט זיך אויפגעמישט ביי די ברייתא דרבי ישמעאל וואס מען זאגט יעדן טאג פאר 'הודו'.

דער יונגער העשיל טראכט נישט לאנג, און ער הייבט אן צו זאגן זיין וואונדערליכער חידוש: די תורה וואס מיר האבן דא געדרוקט אינעם אפטיילונג "דרש דרש" אויפן פסוק "ויקברו אותו יצחק וישמעאל בניו".

## מילי דשמעתתא

בשיעור השבוע במס' קידושין פרק ראשון

**יליף קיחה קיחה משדה עפרון:**

די גמ' זאגט אז קידושי כסף לערנט מען ארויס פון 'קיחה קיחה משדה עפרון'.

לכאורה דארף מען פארשטיין אין די תורה שטייט דאך אזויפיל מאל דאסווארט 'קיחה', פארוואס ווען עס קומט צו א לימוד פון קידושין לערנט מען דאס דוקא ארויס פון א לשון פון שדה עפרון?

ענטפערט **כ"ק מרן רבינו שליט"א** מיט די ווערטער פונעם הייליגן **דברי יחזקאל** זי"ע אין די פרשת השבוע עה"פ ותקח הצעיף ותתכס, זאגט רש"י אז ותתכס איז א לשון פון ותתפעל, כמו ותקבר ותשבר, זאגט דער שינאווער רב אז אין די צוויי ווערטער וואס רש"י ברענגט ליגט א טיפער רמז. אז ווען רבקה האט געזעהן יצחק, האט זי געוואלט אז די קידושין זאלן זיין כולו קודש אן קיין שום הנאה גשמיות שלא לשם שמים, וועגן דעם האט זי געזוכט א פעולה פון ותתפעל, אז זי זאל פון דעם באקומען

נישט חתונה האבן מיט יצחק, און ער האט אוודאי נישט געטראכט אז יצחק וועט איר נעמען, נאר ער האט געטראכט אז אברהם וועט איר משחרר זיין, און דעמאלטס וועט איר יצחק קענען נעמען.

אי׳ לכאורה די גמרא זאגט אין מסכת ברכות (דף מ״ז ע״א) המשחרר עבדו עובר בעשה שנאמר לעולם בהם תעבודו. ממילא טאר אברהם אבינו נישט משחרר זיין די שפחה. נאר מ׳קען ענטפערן לויט די גמ׳ אין מס׳ גיטין (דף מ״א ע״ב) אז פו״ר איז א מצוה רבה, און דאס איז דוחה די עשה פון לעולם בהם תעבודו.

אבער **תוספות** דארט אין מס׳ גיטין זאגט אז עשה דוחה לא תעשה זאג איך נאר אויב דער מענטש וואס טוט די עבירה ער אליין טוט די מצוה, איז דוחה די עשה די ל״ת, משא״כ אויב א צווייטער טוט די מצוה זאג איך נישט חטא בשביל שיזכה חבירך, אויב אזוי איז ווידער שווער ווי אזוי קען אברהם אבינו משחרר זיין די שפחה.

וועגן דעם טאקע אנהויב האט אליעזר נישט געפרעגט די קשיא, ווייל ער האט געוואוסט אז אברהם קען נישט משחרר זיין די שפחה כדי יצחק זאל קענען חתונה האבן, אבער נאכדעם שטייט דאך אז אברהם אבינו האט געגעבן א שטר מתנה פאר יצחק אויף אלע זיינע נכסים, באלאנגט דאך שוין די שפחה פאר יצחק, און יצחק אליין מעג דאך יא משחרר זיין א שפחה פאר זיך, ממילא האט ער הערשט יעצט געפרעגט ׳אלי׳.

**התפעלות אז עס זאל איר אוועק נעמען די פניות און נגיעות שלא לשמה, האט זי מזכיר געווען דעם יום המיתה, ותקבר ותשבר, די קבורה דאס האט איר צובראכן עכדה״ק.**

**זאגט דער רבי שליט״א אז מיט דעם קען מען פארשטיין דעם מנהג אז א חתן ווען ער גייט צו די חופה טוט ער אן א קיטל, און מ׳צינדט אן לעכט אלעס כדאי צו דערמאנען פאר חתן כלה דעם יום המיתה אז זיי זאלן צובראכן ווערן און די קידושין זאלן זיין כולו לשם שמים.**

**מיט דעם פארשטייט מען פארוואס חכמינו ז״ל האבן ביי קידושין געוואלט ארויסלערנען קידושי כסף דוקא פון שדה עפרון, דער קנין וואס אברהם אבינו האט געקויפט אן אחוזת קבר פאר שרה און העלפט אז די קידושין זאלן זיין לשם שמים.**

# בפרדס הפרשה

## תפילת מנחה

**ויצא יצחק לשוח בשדה:** די גמרא זאגט אין מס׳ ברכות (דף כ״ו ע״ב) יצחק תיקן תפילת מנחה שנאמר ויצא יצחק לשוח בשדה לפנות ערב. אויך זאגט דארט די גמ׳ (דף ו׳ ע״ב) א״ר חלבו א״ר הונא לעולם יהא אדם זהיר בתפילת מנחה שהרי אליהו לא נענה אלא בתפילת מנחה.

אין **טור** שטייט דער טעם פארוואס תפילת מנחה איז מסוגל אז מ׳זאל געהאלפן ווערן, ווייל תפילת שחרית איז א מענטש געוואוינט אז מ׳שטייט אויף אינדערפרי און מ׳דאווענט, און די זעלבע זאך ביי מעריב דאווענט מען ווען מ׳קומט אהיים ביינאכט, אבער מנחה רייסט מען זיך אוועק אינמיטן טאג, מען לייגט אוועק אלע געשעפטן און מען גייט דאווענען פארן אייבערשטן, וועגן דעם איז דער כח אזוי גרויס.

דער **כלי יקר** ברענגט א ראי׳ טאקע פון יצחק אבינו, ווייל יצחק אבינו האט ביי מנחה מתפלל געווען אויף א זיווג ווי עס שטייט אין פסוק ״על זאת יתפלל כל חסיד אליך לעת מצא״, און ביים דאווענען האט ער געהאלטן די אויגן אויף אראפ ווי עס איז די הלכה, און ווי נאר ער האט געענדיגט דאווענען, און ער האט אויפגעהויבן די אויגן ״וישא עיניו וירא והנה גמלים באים״.

זאגט דער **כלי יקר** פארוואס מנחה האט אזא שטארקן כח, ווייל ביינאכט איז דא מידת הדין וואס איז מקטרג, און שחרית דאווענט מען נאנט צו די נאכט, און מעריב איז אויך ביינאכט, אבער מנחה וואס מען דאווענט בייטאג איז נישטא קיין קטרוג דערקעגן, דעריבער ווערן די תפילות נתקבל.

### פארוואס ווערט די תפילה אנגערופן מיטן נאמען ״מנחה״?

א) **תוספות** אין מס׳ פסחים (דף ק״ז) זאגט א טעם אז די תפלה הייסט מנחה וועגן די ״**מנחת חביתין**״ און דער ״**מנחת התמיד**״ וואס מען האט מקריב געווען אין ביהמ״ק בין הערביים (כאטש מען האט דאס מקריב געווען אויך אינדערפרי, אבער אינדערפרי האט דאך שוין א צווייטע נאמען).

ב) נאך א טעם ברענגט **תוספות** ווייל אליהו הנביא איז געהאלפן געווארן בשעת ער האט מקריב געווען א קרבן מנחה, וועגן דעם איז דאס אן עת רצון, רופט מען דאס ״תפילת מנחה״.

ג) דער **אבודרהם** זאגט אז אדה״ר האט געזינדיגט אין די 10׳טע שעה פון טאג, אין פסוק (בראשית ג׳ ח׳) שטייט אז דער זמן ווען ער האט געזינדיגט איז געווען לרוח היום, אויף וואס דער תרגום זאגט ״למנח יומא״, זעהן מיר אז די 10׳טע שעה נאכמיטאג ווערט אנגערופן א לשון פון מנחה.

ד) אין **טעמי המנהגים** ווערט געברענגט וויבאלד יצחק איז געווען א קרבן עולה, און ער האט געזעהן אז פון זיין עולה האט געפעלט א קרבן מנחה, האט ער וועגן דעם מתקן געווען די תפלה.

ה) דער **קדושת לוי** (בפרשתן) זאגט א דבר נפלא, שחרית איז מען מחויב צו דאווענען צו לויבן דעם אייבערשן אז ער האט צוריק געגעבן די נשמה, און נאך אנדערע גוטע זאכן ווי די זון וואס שיינט, מעריב מוז מען דאווענען ווייל מיר געבן צוריק פארן אייבערשטן די נשמה אלס פקדון, און מיר גלייבן אז השי״ת וועט אונז צוריק געבן דעם פקדון, אבער מנחה איז מען נישט מחויב צו דאווענען, נאר מיר געבן די תפילה ווי א מתנה פארן אייבערשטן, וועגן דעם רופט מען דאס ״מנחה״ א לשון נדבה.